# <u>טעלעוויזיע-פּראָגראַמען אויף ייִדיש</u> :







דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון מאָנטרעאַל האָט מען דאָ געקענט זען אַ טעלעוויזיע-פּראָגראַם אינגאַנצן אויף ייִדיש,--- און אָנגעפירט האָט עס אונדזער, אייגענער, לייבל באָטווינניק. איך וואָלט געזאָגט, אַז אומדירעקט איז עס געווען דער פאַרדינסט פון „דער נײַער דור".






אין אַ זונטיקדיקן טאָג, סוף אַפּריל 1979, בעת אַ „ישׂראל-יריד-טאָג", זײַנען אונדזערע קינדער געשטאַנען בײַ אַ טיש אין אַ היגן, גרויסן, סופּערמאַרק, און פאַרקויפט אונדזערע זשורנאַלן.(מיר האָבן געהאַט דערויף אַ דערלויבעניש פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע אין מאָנטרעאַל.)

דאָרטן האָט זיך פּונקט געפונען דער אָנפירער פון די ייִדישע טעלעוויזיע-פּראָגראַמען אויף ענגליש, מר. מילטאָן ווינסטאָן, וואָס האָט זיך געוואונדערט וואָס יונגנטלעכע פאַרקויפן ייִדישע זשורנאַלן, און ער האָט פאַרבעטן לייבלען אויף אַן אינטערוויו אויף זײַן „חַי-פּראָגראַם", אויף קייבל-טיווי. ניט ווילנדיק, איז דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות אויך אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אין דעם אינטערוויו (אויף ענגליש) וועגן אונדזער זשורנאַל, און וועגן ייִדיש.





עס זעט אויס, אַז לייבל האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטן אײַנדרוק, ווײַל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ווינסטאָן אים געפרעגט, צי ער וואָלט געוואָלט אָנפירן מיט 15-מינוטיקע, וועכנטלעכע זומער-פּראָגראַמען אויף ייִדיש, אָבער אונטער איין באַדינג : ער זאָל עס טאָן <u>אָן געלט</u>. (די טעלעוויזיע סעריע וואָס האָט געהייסן „ייִדישע דימענסיע" איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע, מיזרח ראַיאָן, און איז געווייזן געוואָרן אויף קעיבל-וויזשן, טשאַנעל 9).






לייבל האָט מיט גרויס פרייד, זיך גלײַך אָנגעכאַפּט אין דעם, און זיך גענומען מיט איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט. ער האָט אַדורכגעפירט עלף (11) פערטל-שעהדיקע פּראָגראַמען וואָס זײַנען געוויזן געוואָרן צו 2 מאָל אין וואָך (צוזאַמען 22 מאָל).

(המשך אויף זײַט 15)






בילדער פון אַ טייל פון די 15 טעלעוויזיע-פּראָגראַמען אויף ייִדיש (נומ' 4 איז פון די האַרבסט-פּראָגראַמען; די אַנדערע -- פון 6 זומערדיקע פּראָגראַמען)

1) לייבל לייענט ייִדישע נײַעס; 2) הרב י. שמידמאַן, פון תפארת בית דוד ירושלים שול, אין אַן אינטערוויו וועגן אַ וויכטיקן פּינקס וואָס איז געפונען געוואָרן אין זײַן שול. (אויפן טיש ליגט דער פּינקס); 3) אונדזערע מיטאַרבעטערס, סנדר און יאַנקל (שטייענדיק) מיט לייבלען, אין אַ לייב נײַדוס-פּראָגראַם; 4) די צוויי היגע אַרטיסטן-פאָרלייענערס, י. גאָנשאַר און א. אירליכט, אין אַ שלום עליכם פּראָגראַם; 5) דער אַרויסגעבער פון „דער נײַער דור", דוד באָטווינניק.

6) דער זון אינטערוויואירט דעם טאַטן וועגן ייִדיש; 7) די יונגע לערערין און פאָרלייענערין פון דער ייִדישער ליטעראַטור, רייזל פישמאַן-קאַנדיב אין אַן אינטערוויו; 8) סענדער אין דעם נײַדוס-פּראָגראַם; 9) בונים ווינער -- דער פאָרזיצער פון „בונד" און „קדימה" אין מעלבורן, און אַ וויצע פאָרזיצער פון וועלט-ראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל,-- אין אַן אינטערוויו וועגן ייִדיש אין פאַרשיידענע לענדער; 10) יאַנקל אין דעם לייב נײַדוס-פּראָגראַם.

## טעלעוויזיע אויף ייִדיש :

(המשך פון זײַט 10) דאָס זײַנען געווען אינטערוויוען, ליטעראַרישע פּראָגראַמען באַגלייט מיט קולטור-געזעלשאַפטלעכע נײַעסן. און אַלץ --- 100 פּראָצענט אין ייִדיש.

די אָנטייל-נעמערס זײַנען געווען מענטשן פון פאַרשיידענע קרײַזן און פון פאַרשיידענעם עלטער, ווי למשל : אַ בונדיסט, אַ ציוניסט, אַן אומפּאַרטייאישער, אַ רב, יוגנטלעכע, פרויען און קינדער. די פּראָגראַמען זײַנען געשטאַנען אויף אַ גוטן קולטורעלן ניוואָ, און האָבן געבראַכט כּבֿוד פאַר ייִדיש.

נאָך די זומער-פּראָגראַמען האָט לייבל זיך באַמיט צו געפינען פאַראינטערעסירטע מענטשן וואָס זאָלן שאַפן אַ סאָרט קאָמיטעט, מיט אַ בודזשעט, פאַר אַ פּערמאַנענטן טעלעוויזיע-פּראָגראַם אויף ייִדיש אין מאָנטרעאַל. דאָס וואָלט אויך געהאָלפן צו דערנענטערן אָפּגעפרעמדטע ייִדן צו ייִדיש, לערנען אָנהייבערס, און פאַרבעסערן די שפּראַך בײַ די וואָס קענען שוין אַ ביסל ייִדיש.

לייבל האָט דערווײַלע (אין האַרבסט 1979) אַדורכגעפירט נאָך 4 פּראָגראַמען און אַלץ געהאָפט אַז מאָנטרעאַלער ייִדיש-ריידנדיקע און ייִדיש ליבנדיקע ייִדן (וועלכע שטיצן אַפילו אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן וואָס דערלאָזן ניט קיין ייִדיש) וועלן זיך אַוודאי אָפּרופן און אויך שטיצן אַזאַ וויכטיקע זאַך ווי טעלעוויזיע אויף ייִדיש.

דער סוף פון דער מעשׂה איז, אַז אַזעלכע פאַראינטערעסירטע זעט מען נאָך ניט, נאָר לייבל האָפט נאָך אַלץ ...

פ.ב.

---

### אכטונג מיטל שול תלמידים

מיר ווענדן זיך צו אַזעלכע קינדער וועלכע גייען איצט אין די קלאַסן 9,8,7, 10,און 11, און פאַרשטייען און האָבן ליב ייִדיש, --- כּדי צו גרינדן צוזאַמען אַ ייִדיש-ריידנדיקן קולטור-קלוב מיט שיינע פּראָגראַמען .

ענטפערט אונדז וואָס גיכער און טעלעפאָנירט : סענדער, 488-4469